**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/6/2022

**גאווערנער האקול אנאנסירט נייע פאנדעמיע-תקופה רעקארד צאל פאסאנזשירן אויף די ניו יארק סיטי סאבוועי**

***סאבוועי האט געפירט 3.497 מיליאן פאסאנזשירן — העכסטע צאל זינט די פאנדעמיע האט זיך אנגעהויבן***

***רעקארד שטייגט איבער פאריגע פאנדעמיע הויכפונקט פון 3.421 מיליאן אום דעצעמבער 9, 2021, און שטייגט איבער צאל פון בעפאר די פאנדעמיע פון 3.491 מיליאן אום מערץ 13, 2020***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סיטי סאבוועי האט געבראכן א נייע רעקארד פון די צאל רייזנדע אין איין טאג אין די פאנדעמיע תקופה אום דאנערשטאג, מאי 5, פירנדיג 3,497,122 פאסאנזשירן. לויט די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט ( Metropolitan Transportation Authority, MTA) שטייגט די רעקארד איבער די פאריגע רעקארד אין די פאנדעמיע תקופה אום דעצעמבער 9, 2021 ווען די סאבוועי האט געפירט 3.42 מיליאן פאסאנזשירן און שטייגט איבער א צאל פון 3.491 מיליאן פאסאנזשירן אויפן סאבוועי אום מערץ 13, 2020 — בעפאר די פאנדעמיע.

"אזוי ווי מיר זעצן פאר אונזער צוריקקער פון די פאנדעמיע און בלייבן קאנצעטרירט אויפן מאכן אונזערע סאבוועיס זיכערער, ערהוילן מיר זיך מיט די צאל סאבוועי פאסאנזשירן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די סאבוועי איז די גייסט פון ניו יארק סיטי, און די נייע עררייכונג שיקט א שטארקע מעסעדזש אז ניו יארק איז צוריק בעסער פון סיי ווען."

צו ערמוטיגן פאסאנזשירן צו נוצן די סאבוועי האט די MTA איינגעפירט א נייע באן טיקעט מאקסימום פילאט פראגראם וואס מאכט די פרייזן ביליגער און מער בויגזאם. די מאקסימום אויף וועכענטליכע טיקעט פרייזן דורך די OMNY קאנטאקטלאזע באצאלונג סיסטעם רעכנט אריין א "Lucky 13" (מזל'דיגע 13) פיטשעווקע, דורך וועלכע אנגעהויבן פון די 13'טע רייזע פון יעדע וואך איז יעדע צוגאבליכע רייזע אויף סאבוועיס אדער באסעס אומזיסט פאר די איבעריגע פון די וואך.

אין צוגאב זעצט די די MTA פאר מיט אירע פרעצעדענטלאזע רייניגונג און דיסאינפעקטירונג פראטאקאלן כדי צו זיכער מאכן אז די סיסטעם איז די זיכערסטע וואס נאר מעגליך פאר אירע פאסאנזשירן.

**MTA טשעיר און CEO דזשענאָו ליעבער האט געזאגט,** "ניו יארקער קערן זיך צוריק צו די סיסטעם וויבאלד פובליק טראנספארטאציע איז דער בעסטער וועג זיך צו באוועגן ארום די סיטי, און מיט אונזער OMNY פרייז מאקסימום אפציעס, איז דאס נוצן די סיסטעם קיינמאל נישט געווען גרינגער. אין

צוזאמענארבעט מיט די גאווערנער, מעיאר און NYPD אדרעסירן מיר זיכערהייט אנגעלעגנהייטן, און פאסאנזשירן הויבן אן זיך צו אפרופן."

**ניו יארק סיטי טראנזיט (New York City Transit) פרעזידענט ריטשארד דעיווי האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי טראנזיט ארבעט ארום די זייגער צו פארבעסערן סערוויס, מאדערניזירן די סיסטעם און ערמוטיגן פאסאנזשירן זיך צוריקצוקערן צו פובליק טראנספארטאציע. די בעסטע סערוויס, פארמערן די אפטקייט פון באנען און היטן אויף זיי אז זיי זאלן ארבעטן שטארק און זיין צייטליך זענען אונזערע הויפט פריאריטעטן אזוי ווי מיר זעצן פאר צו אויפנעמען באן אפעראטארן און פארשטערקערן די טראנספארטאציע סיסטעם פאר די צוריקקערנדע פאסאנזשירן. ניו יארקער קערן זיך צוריק צו פובליק טראנספארטאציע וויבאלד זיי ווייסן אז עס איז די ווירקזאמסטער, ענווייראמענט-פריינטליכסטער און ביליגסטער וועג זיך צו באוועגן ארום די סיטי."

**MTA טשיעף קאסטומער אפיסער סערע מעיער האט געזאגט,** "די וואקסנדע צאלן פון פאסאנזשירן ווייזן אז ניו יארקער זענען גרייט פאר א צוקונפט פון נאך די פאנדעמיע פאר אונזער סיטי און דאס מיינט זיך צוריקקערן צו די פובליק טראנספארטאציע סיסטעם. מיר זעצן פאר צו אויסהערן די שטימעס פון אונזערע פאסאנזשירן דורכן אדרעסירן זייערע זארגן, פארבעסערן סערוויס און שטופן פאסאנזשירן צו נוצן זייערע טעלעפאנען אדער באצאלונג קארטלעך פאר א גלאטע רייזע צו זייער דעסטינאציע."

בעפאר די פאנדעמיע האט די דורכשניטליכע צאל רייזנדע איבערגעשטיגן די 5.5 מיליאן אין סך הכל אויף א רעגלמעסיגן פארנעם אין די סאבוועי סיסטעם. די ציפערן זענען געפאלן מיט 95 פראצענט צו אזוי ווייניג ווי בערך 300,000 טעגליכע רייזעס אין אפריל 2020, אין די צייט ווען די צאל פון קאוויד-19 פעלער זענען געווען ביי א הויכפונקט אין די ניו יארק סיטי געגנט. MTA ארבייטער זעצן פאר ווייטער צוצושטעלן סערוויס פאר די פארנט-ליניע העלטקעיר פראפעסיאנאלן און אנדערע וויכטיגע ארבייטער וועלכע האבן זיך גענויטיגט אנצוקומען צו די ארבעט דורכאויס טייל פון די שווערסטע טעג אין ניו יארק סיטי'ס היסטאריע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov